# פרשת בשלח - יתרו ה' - י"ח שבט תשע"ח לפ"ק

*<u>יום ראשון פרשת בשלח</u>*

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** לחיים לרגל האירוסין של בן **אברהם מענצער** עב"ג בת הר"ר **יעקב קליין** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קס"ח סעיף י"א) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

*<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>*

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, די מצוה פון קרבן פסח. דער אייבערשטער האט געהייסען ווען מען איז נאך געווען אין מצרים, אז בעשור לחודש הזה זאל מען נעמען א קרבן פסח, און מען זאל עס שחט'ן ביום י"ד, און ואכלו את הבשר בלילה הזה (שמות יב-ו), און מען זאל עס עסן ביינאכט. און רש"י (יב-יא) זאגט, אז עס הייסט א קרבן 'פסח', ווייל אשר פסח על בתי בני ישראל במצרים. ביי מכת בכורות, האט דער אייבערשטער איבערגעהיפט אויף די הייזער פון די יודען, און ער איז נאר אריינגעגאנגען אין די בתים פון די מצריים, און אויף דעם זכר, מאכן מיר א קרבן פסח. און מען דארף פארשטיין, ווי קומט א קרבן 'פסח' ביום י"ד? וואס איז געווען אין דעם פערצנטן טאג? מען האלט נאך פאר מכת בכורות, מכת בכורות איז ערשט ביינאכט, און ערב פסח איז גארנישט נשתנה געווארן פון א טאג פריער. פארוואס איז געגעבן געווארן די מצוה, אז מען זאל מאכן א קרבן פסח ביום י"ד.

**אין** פשטות, אויף די קרבן פסח אין מצרים, איז נישט אזוי שווער די קשיא, אלץ צוויי סיבות. איינס, ווייל יודען האבן נישט געהאט קיין זכותים, ואת ערום ועריה (יחזקאל טז-ז), און מען האט געזוכט א זכות פאר יודען. און הקרבת הפסח איז געווען פארבינדען מיט מסירת נפש, הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקולנו (שמות ח-כב). האט דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון פריער, אז מען זאל נעמען זייער טלה, און מען זאל עס מקריב זיין, אפילו עס איז נאכנישט די צייט.

**נאכדעם** געפונט מען, אז עס שטייט אין מדרש (שמו"ר כג-ה), עתידין ישראל לומר שירה לעתיד לבוא, טייטשט דער **של"ה הק'** (תושב"כ פ' בשלח), אז אמאל זאגט א יוד שירה, נאר ווען ער האט שוין באקומען די ישועה, אבער לעתיד לבא וועט זיין אזוי גרויס דער בטחון אינעם אייבערשטען, אז אפילו ווען א מענטש וועט דארפן א ישועה, און ער האט עס נאכנישט באקומען, וועט ער זיין זיכער אז דער אייבערשטער וועט אים ברענגען די ישועה, אז ער וועט זאגן שירה לעתיד לבא, אויף א זאך וואס גייט ערשט קומען. - אזוי ווי ווען א מענטש איז ארעם, און ער האט נישט קיין ברויט אין שטוב צו עסן, און ער איז צוגעלייגט, און מען זאגט אים, אז ער האט געווינען די לאטערי, פריידט ער זיך, און ער הייבט אן צו טאנצען. איי ער האט נאכנישט וואס צו עסן, עס וועט נאך נעמען א פאר טאג ביז ער וועט עס באקומען, אבער ער פריידט זיך, ווייל ער ווייסט אויף זיכער, אז ער גייט עס באקומען. – אזוי אויך דארף זיין ביי א יוד די ישועה וואס דער אייבערשטער וועט אים געבן, אז דער אייבערשטער האט געזאגט אז עס וועט זיין, דארף ער זיך שוין פרייען דערויף, עס איז פארזיכערטע געלט. און אזוי ווי דער אייבערשטער האט צוגעזאגט אז עס גייט זיין מכת בכורות, זענען יודען געווען זיכער אז עס גייט זיין. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו עס איז שוין געווען, צו עס גייט געשען, און מען האט שוין געברענגט א קרבן פסח פון פארדעם.

**דאס** אלעס קען מען פארשטיין ווען מען איז געווען אין מצרים. אבער עס איז דאך אויך א מצוה לדורות, פארוואס האט מען געגעבן די מצוה, אז היינט זאל מען ברענגען דעם קרבן פסח ביום י"ד? וואס איז געווען ביום י"ד. – און די קשיא גייט נאך שטערקער. מען זאגט אין די הגדה, יכול מראש חודש, איך וואלט געמיינט, אז

פון ראש חודש זאל מען שוין דארפן פארציילען יציאת מצרים, תלמוד לומר (שמות יג-ח) והגדת לבנך ביום ההוא. אי ביום ההוא, יכול מבעוד יום, איך וואלט געקענט מיינען אז מען דארף פארציילען יציאת מצרים ערב פסח. תלמוד לומר, בעבור זה, בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך. קומט דאך אויס, אז ווען נישט דעם פסוק בעבור זה, וואלט איך געטייטשט, אז והגדת לבנך ביום ההוא, גייט ארויף אויף ערב פסח, אז דעמאלטס זאל מען פארציילען יציאת מצרים. יציאת מצרים איז דאך געווען ביום ט"ו, פארוואס זאל מען דארפן פארציילען יציאת מצרים ביום י"ד?

**איך** האב געטראכט א נקודה. עס שטייט אין ספר **המקנה** (קידושין לז.) פונעם הפלאה, אז די גמרא (חולין פג.) זאגט, אז ביי אומות העולם איז הלילה הולך אחר היום, צופרי הייבט זיך אן דער טאג, און נאך דער נאכט שפעטער ענדיגט זיך דער טאג. אבער ביי א ישראל, איז היום הולך אחר הלילה, יעדען טאג הייבט זיך ביי אונז אן ביינאכט, און דער טאג קומט נאכדעם. זאגט דער **מקנה**, אז דאס איז ערשט נתחדש געווארן ביי מתן תורה, אבער פאר מתן תורה, איז געווען די הלכה ביי א ישראל, אזוי ווי ביי א בן נח, אז יעדער טאג איז געווען קודם דער טאג, און דער נאכט שפעטער איז געווען א חלק פונעם פריערדיגען טאג. ביי מתן תורה האט די תורה מחדש געווען, ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד (בראשית א-ה), אז קודם איז ערב, און נאכדעם איז בוקר. מערב עד ערב תשבתו שבתכם (ויקרא כג-לב), יום כיפור איז מערב עד ערב. אבער פאר מתן תורה איז עס נישט אזוי געווען.

**דער מקנה** פארענטפערט מיט דעם, ווי אזוי האבן די אבות געקענט האלטן שבת, די הלכה איז דאך אז עכו"ם ששבת חייב מיתה (סנהדרין נח:), ווייל יום ולילה לא ישבותו (בראשית ח-כב). אבער לויט דעם שטימט עס זייער גוט, ווייל ביי א גוי, ווען מען זאגט יום ולילה לא ישבותו, איז דער שבת ביי אים יום ולילה, קודם דער טאג און נאכדעם דער מוצאי שבת. קומט אויס, אז ווען די אבות האבן געטון א מלאכה פרייטאג ביינאכט, האבן זיי געטון א מלאכה אין פרייטאג. און ווען זיי האבן געטון א מלאכה מוצאי שבת, האט מען נישט גערוהט אין שבת. זיי האבן געהאלטן שבת לילה ויום אזוי ווי די דיני ישראל, און דער איסור פון יום ולילה לא ישבותו, איז דער נאכט שפעטער.

**אויב** אזוי קומט אויס, אז אין מצרים, פאר מתן תורה, איז דער נאכט פון מכת בכורות נישט געווען ט"ו, נאר עס איז געווען י"ד. ווייל הלילה הולך אחר היום, די נאכט גייט נאכן טאג. שפעטער ביי מתן תורה איז נתחדש געווארן, אז מען טוישט, און די נאכט געהערט צום קומענדיגן טאג. אבער בשעת עס האט פאסירט מכת בכורות אין מצרים, איז עס געווען ביום י"ד. און אויב מכת בכורות האט פאסירט ביום י"ד, און דעמאלטס איז געקומען פרעה און ער האט געזאגט, גייטס ארויס פון מצרים, האט ער זיי משחרר געווען ביום י"ד, נאר דער אייבערשטער האט געזאגט, אז מען זאלווארטן ביז בעצם היום הזה, מפרסם צו זיין דעם נס. קומט אויס, אז באמת איז מכת בכורות מיטן שיחרור פון מצרים נישט געווען ביום ט"ו, נאר עס איז געווען ביום י"ד. ממילא פארשטייט מען פארוואס יכול מבעוד יום, ווייל עס וואלט געווען א הוה אמינא אז מען זאל פארציילען יציאת מצרים ביום י"ד, ווייל מכת בכורות מיט די שיחרור זענען געווען ביום י"ד. תלמוד לומר, בעבור זה, בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך.

**אויב** אזוי, קומט דאך אויס, אז עס איז געווען א פראבלעם, צו די נס פון מכת בכורות מיט די שיחרור פון יודען וואס האט פאסירט ביינאכט, איז געווען ביום י"ד אדער ביום ט"ו. דעמאלטס איז עס געווען ביום י"ד, און היינט איז עס ביום ט"ו. נו, ווען דארפן מיר מאכן א זכר, ביום י"ד אדער ביום ט"ו. האט דער אייבערשטער געגעבן די מצוה אז דער קרבן פסח זאל מען שחט'ן ביום י"ד, ווייל באמת, בשעת עס איז געווען אשר פסח על בתי בני ישראל, איז געווען יום י"ד. אבער אזוי ווי היינט ווערט די נאכט גערעכנט אזוי ווי ט"ו, איז ואכלו את הבשר בלילה הזה. - עס איז נישט דא א אנדערע מצוה,

וואס מען זאל מקיים זיין די מצוה נאר ביינאכט און נישט בייטאג, אבער דא איז דאך דער נאכט געווען אנדערש דעמאלטס פון היינט. דערמאלטס איז עס געווען יום י"ד און היינט איז עס יום ט"ו. האט דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון פסח, אז עס זאל אויך זיין אויפן זעלבן וועג, א חלק פון די מצוה זאל מען טון ביום י"ד, און א חלק פון די מצוה ביום ט"ו.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **פנחס יעקב געלב** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב יצחק כ"ץ** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרב **דוד יוסף טענענבוים** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **אברהם הערש גוטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת בשלח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החתן **עזריאל** ני"ו, בן הר"ר **חיים זאב שאהנבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נפתלי ישעי' האפפמאנן** הי"ו, שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ.

*

***<u>יום שלישי פרשת בשלח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבקר אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** באכסנייתו בעיר ענגלוואוד (ניו דזשערסי).

*

***<u>יום רביעי פרשת בשלח</u>***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **כ"ק האדמו"ר מקליוולאנד שליט"א** עב"ג בן הרה"ג רבי **פנחס שלום ראטטענבערג** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שמואל יצחק בריעף** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די תורה פארציילט, ווען יודען זענען אוועקגעגאנגען פונעם ים סוף זענען זיי אנגעקומען קיין מרה, ולא יכלו לשתות מים ממרה, כי מרים הם (שמות טו-כג), זיי האבן נישט געקענט טרינקען וואסער, ווייל עס איז געווען ביטער. ויורהו ה' עץ, האט אים דער אייבערשטער געוויזען א האלץ, און משה רבינו האט עס אריינגעווארפן אינעם וואסער, וימתקו המים, און די וואסער איז זיס געווארן.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (דרשות קצז.) זאגט, אז עס ליגט דערין א רמז, אויף תורה הק'. ווייל די גמרא רופט אן די תורה, אז דאס איז מים (בבא קמא יז.). אויף וילכו שלשת ימים בלי מים (שמות טו-כב), דרש'נט אויך די גמרא (שם פב.), אז מען איז געגאנגען דריי טאג אן תורה. עס קען זיין אז דער ענין דערפון איז, מען רעדט דאך צו א בר מצוה בחור, וואס גייט אריין לעול המצות, און מען דארף זיך פלאגן אויף לערנען, לימוד התורה קומט נישט אן גרינג. אז מען זאל זוכה זיין לכתרה של תורה, איז עס פארבינדן מיט אסאך יגיעה און עמל. סיי בגשמיות, פת במלח

תאכל ומים במשורה תשתה, און אזוי ווייטער (אבות ו-ד). און סיי צו פארשטיין לערנען, דארף מען זיך פלאגן. און אסאך מאל קוקט עס אויס, ווי די תורה איז מרה, עס איז ביטער. ולא יכלו לשתות מים, עס איז שווער צו טרינקען די תורה, כי מרים הם, ווייל עס איז ביטער.

**מיט** וואס קען זיך א מענטש מחזק זיין, אז ער זאל נעמען אויף זיך עול תורה. מען זעהט אז אין עניני גשמיים, פלאגט זיך א מענטש אויף א זאך, וואס אפילו בשעת מעשה זעהט ער נישט דערפון קיין ריוח תיכף. מען דארף ווארטן זייער לאנג, אז עס זאל זיך אויסצאלן די פלאג און די אינוועסטמענ"ט וואס ער האט געמאכט, אז ער זאל קענען פארדינען. און פון דעסטוועגן דאך, אויב ער מיינט אז די אינוועסטמענט איז א זיכערע אינוועסטמענט, גייט ער אריין דערין.

**יעדער** מענטש וואס פלאנצט איין א בוים, איז עס א געוואלדיגע יגיעה און א פלאג. מען דארף חורש זיין, און זורע זיין, און נוטע זיין, און עס נעמט יארן ביז מען זעהט די פירות ארויסקומען פון די בוים. און אפילו עס קומט שוין ארויס די פירות, טאר מען נישט נהנה זיין דערפון די ערשטע דריי יאר, שלש שנים יהיו לכם ערלים, לא יאכל (ויקרא יט-כג), ערשט אין די פערטע יאר, נטע רבעי, דעמאלטס קען ער אנהייבן נהנה צו זיין פון די פירות. - צו פלאנצען א בוים, לייגט א מענטש אוועק א יגיעה, וואס ער זעהט ערשט די פירות דערפון, אסאך יארן שפעטער. און פון דעסטוועגן דאך טוט ער עס, ווייל ער ווייסט, אז שפעטער וועט ער זעהן דערפון א ריוח.

**לערנען** תורה, מקבל צו זיין אויף זיך עול תורה, איז שווער. אבער אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך. אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא. די פלאג איז שווער, אבער די אינוועסטמענט צאלט זיך אויס. עס איז א זיכערע זאך, אז נאכדעם וואס מען איז זוכה צו כתרה של תורה, האט א מענטש א פרייליך לעבן, און א לוסטיג לעבן, א לעבן וואס איז אנגעפילט מיט א תוכן, עס איז אשריך וטוב לך.

**ווען** משה רבינו האט געזען, אז 'ולא יכלו לשתות מים ממרה', אז מען קען נישט לערנען קיין תורה, 'כי מרים הם', ווייל עס איז ביטער ביז מען קומט אן צו כתרה של תורה, 'ויורהו ה' עץ', האט אים דער אייבערשטער געזאגט, קוק אן א בוים. ער פלאגט זיך איינצופלאנצן א עץ, און ער זעהט נישט די פירות תיכף, אבער פון דעסטוועגן דאך פלאנצט מען איין טויזענטערביימער, ווייל אין יארן ארום וועט מען זעהן דערפון די פירות, 'וימתקו המים', דעמאלטס ווערט זיס די תורה. אפילו מען פלאגט זיך יעצט, און מען זעהט נישט קיין ריוח תיכף, אבער אז מען ווייסט אז שפעטער וועט ארויסקומען א ריוח דערפון, איז גרינג מקבל צו זיין אויף זיך עול תורה.

*

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה איז דא די פרשה פון מן. ווען יודען זענען ארויסגעקומען פון מצרים, און מען איז געווען אין מדבר, און עס איז נישט געווען וואס צו עסן, האט דער אייבערשטער געזאגט, הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, איך וועל געבן מן פונעם הימל, למען אנסנו הילך בתורתי אם לא (שמות טז-ד), דער אייבערשטער וועט מנסה זיין יודען, צו זיי גייען אין די תורה צו נישט. די פשוטע פשט איז, צו זיי וועלן מקיים זיין די מצות וואס איז פארבינדן מיט דעם מן.

**אין** די מפרשים שטייט, אז מען זעהט, ווען יודען זענען ארויסגעקומען פון מצרים, האט זיי דער אייבערשטער געטראגן אין א מדבר, וואס איז נישט געווען א מציאות בדרך הטבע, אז מען זאל קענען לעבן. המוליכך במדבר הגדול והנורא, נחש שרף ועקרב, וצמאון אשר אין מים (דברים ח-טו), עס איז נישט דא קיין וואסער, און

נישט קיין עסן, און זיי האבן זיך אויפגעהאלטן דארט א לענגערע צייט. ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען פאר יודען, ווען מען האלט פאר קבלת התורה, אז כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ה), ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, טוט מען פון הימל צופירן, אז מען נעמט אוועק פון אים אלע אנדערע פראבלעמען. עס איז דא אמאל עול מלכות, וואס מען האט צוטון מיט די רעגירונג, און די אמאליגע מלכות איז געווען שווערער פון די היינטיגע צייטן. עס איז דא עול דרך ארץ, בזיעת אפיך תאכל לחם, מען דארף ברענגען פרנסה. ווען א יוד איז מקבל אויף זיך עול תורה, טוט מען פון הימל צופירן, אז די מלכות וועט זיך נישט פארלייגען אויף אים, און ער וועט נישט האבן קיין פראבלעמען פון פרנסה, עס וועט אים צוקומען אויף א וועג, אן א עול. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען פאר יודען, ווען מען גייט מקבל זיין די תורה. איך לייג ענק אריין אין א מדבר, וואס בדרך הטבע קען מען נישט דארט אויסקומען, עס איז נישט קיין מקום פון פרנסה, עס איז נישט א מקום ווי צו לעבן געהעריג, און פון דעסטוועגן דאך וועט ענק גארנישט פעלן דארט. ווייל ווען מען איז מקבל עול תורה, נעמט דער אייבערשטער אוועק דעם עול מלכות ועול דרך ארץ.

**און** נישט נאר נאך קבלת התורה איז געפאלען מן, נאר דער מן איז געפאלען פאר קבלת התורה. ווייל כל 'המקבל' עליו עול תורה, אפילו מען האט נאכנישט געלערנט, מען האט נאך גארנישט געטון, ער האט נאר מקבל געווען אויף זיך עול תורה, וואס דאס איז געווען ביי יציאת מצרים, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (שמות ג-יב), ווען מען גייט ארויס פון מצרים, גייען מיר דינען דעם אייבערשטען. אויף קבלת עול תורה אליין, האט דער אייבערשטער אוועקגענומען עול מלכות ועול דרך ארץ. עול מלכות איז אראפגענומען געווארן פון פרעה, און עול דרך ארץ, איז אראפגענומען געווארן פונעם מדבר. צו ווייזן פאר יודען אין אלע דורות, זיך אראפצולערנען דערפון, ווי אזוי עס קוקט אויס ווען מען נעמט אויף זיך עול תורה.

**אין** די מפרשים שטייט, אז די משנה (אבות ו-ד) זאגט, אז כדי מען זאל זוכה זיין צו כתרה של תורה איז עס פארבינדען מיט פלאג. פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן וחיי צער תחיה, אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך. איינע פון די מ"ח דברים שהתורה נקנית בהם איז, מיעוט תענוג. תורה מיט תענוגי עולם הזה גייט נישט צוזאמען. אויב מען וויל זוכה זיין צו תורה, מוז מען מוותר זיין אויף תענוגים פון די וועלט, דעמאלטס קען מען זוכה זיין צו כתרה של תורה. דער אייבערשטער האט געגעבען מן, צו ווייזען אז ווען מען איז מקבל עול תורה, נעמט מען אוועק עול דרך ארץ.

**דער** באשעפער האט אבער געגעבן א מן, וואס אין די מן האט מען געקענט טועם זיין אלע טעמים. אויב ער האט געוואלט טועם זיין פת במלח, האט ער געשפירט א טעם פון ברויט. אויב ער האט געוואלט עסן ברבורים ושליו ודגים, האט ער דאס אויך געשפירט. מען האט געגעבן א ברירה פארן מענטש, דו קענסט זיך אויסקלויבן, וואס פאר א טעם דו ווילסט, וועסטו שפירן אין דעם מן. א ערליכער יוד, וואס האט מקבל געווען אויף זיך עול תורה, און ער האט געוואוסט אז תורה קען מען נישט קונה זיין נאר במיעוט תענוג, האט מקיים געווען אינעם מן, אז ער וויל נאר טועם זיין פת במלח. איינער וואס עול תורה איז נישט געווען ביי אים אזוי חשוב, און ער האט אויך געוואלט האבן תענוגי עולם הזה, ווען עס איז געקומען דער מן, האט ער זיך אראפגעזעצט צו א סעודה, און ער האט אויספרובירט אלע טעמים וואס מען קען אלץ טועם זיין אין עסן. עס איז געווען א נסיון פאר יעדן יוד, ווען ער האט געגעסן דעם מן, וואס ער זאל זיך אויסקלויבן. דער וואס איז אינטערעסירט אין עול תורה, דער קלויבט זיך אויס צו עסן פת במלח, און דער וואס איז אינטערעסירט אין עולם הזה, און ער איז מוותר אויף עול תורה, דער קען טועם זיין אלע תענוגי העולם.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, ווען עטץ וועטס קומען אינעם מדבר, און מען וועט מקבל זיין עול תורה, וועט מען נישט האבן קיין עול פון פרנסה. 'הנני ממטיר לכם לחם מן השמים', איך וועל ענק געבן לחם מן השמים, עס וועט פאלן מן פונעם הימל. אבער איך וועל ענק געבן אזא סארט לחם, 'למען אנסנו', איך וועל ענק פרובן אין דעם לחם, 'הילך בתורתי אם לא', צו ער איז אינטערעסירט אין תורה, צו ער איז נישט אינטערעסירט אין תורה. אין דעם לחם מן השמים האט מען זיך געקענט אליין אויספרובירן, צו ער איז אינטערעסירט אין תורה צו נישט. איז ער אינטערעסירט אין תורה, האט ער געגעסן פת במלח, און אויב ער איז נישט געווען אינטערעסירט אין תורה, איז ער נאכגעגאנגען נאך תענוגי עולם הזה.

**ווען** א בחור ווערט בר מצוה, און ער גייט אריין לעול התורה, וואס כדי מען זאל קענען צוקומען צו עול התורה, איז עס פארבינדען מיט אסאך שוועריקייטן, דארף מען אבער געדענקען, אז ווען מען איז מקבל אויף זיך עול תורה, נעמט דער אייבערשטער אוועק אלע אנדערע פראבלעמען וואס מען האט. אז מען נעמט אויף זיך עול תורה, איז מען זוכה, אז עס פאלט לחם מן השמים, עס קומט א השפעה פון אויבן אין הימל.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **אברהם ירמיאש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **וואלף פריעד** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **שמחה קארניאל** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **אברהם פארקאש** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת בשלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמואל יצחק בריעף** הי"ו, ולבן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורון דרשה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **אברהם יהודא האפמאנן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יוחנן צעהנווירט** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי נחום מאיר פאנעט זצ"ל** האדמו"ר מדעעש ב"פ.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יהושע שטערן** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת בר מצוה, עס איז א טאג וואס דער בר מצוה בחור איז מקבל אויף זיך עול תורה. די משנה (אבות ג-ה) זאגט, כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, ווען מען נעמט אויף זיך עול תורה, טוט דער אייבערשטער אוועקנעמען עול מלכות, די עול פון די רעגירונג, און עול דרך ארץ, די עול פון פרנסה. דורך דעם וואס מען איז מקבל אויף זיך עול תורה, טוט דער אייבערשטער גרינגער מאכן די פרנסה. מען זאגט נישט מעבירין ממנו עול 'פרנסה', נאר עול 'דרך ארץ', איך מיין אז עס קען זיין דערין א כוונה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו עו.) זאגט, משה רבינו האט געזאגט, אם שמוע תשמע לקול ה' אלקיך, און דער פסוק ענדיגט, כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, כי אני ה' רופאך (שמות טו-כו). און מען דארף פארשטיין,

מען רעדט דאך פון שמוע תשמע לקול ה', מען פירט זיך אויף ערליך, דארף די פסוק זאגן, כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, אז דער באשעפער וועט נישט געבן די מחלה פון די מצריים? פארוואס זאל ער יא געבן, ער איז דאך שמוע לקול ה' אלקיך. - און רש"י פרעגט, אויב מען גיט נישט קיין מחלה, דארף מען דאך נישט קיין דאקטער. זאגט רש"י, אפילו איך וועל יא לייגען אויף דיר, אבער כי אני ה' רופאיך, איך וועל דיר היילען, כאילו לא הושמה, כאילו מען האט עס נישט געלייגט. פארוואס קומט זיך אז מען זאל לייגען, און מען דארף האבן א דאקטער דערצו. אויב מען איז שמוע לקול ה' אלקיך, קומט זיך נישט אז מען זאל נענש ווערן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז מען געפונט אז רבי יהושע בן לוי האט מרביץ תורה געווען במסירת נפש ממש. די גמרא (כתובות עז:) ברענגט, אז עס זענען געווען קראנקע מענטשען וואס האבן געהאט א מחלה וואס הייסט ראתן, עס איז געווען א מחלה וואס איז אריבערגעאנגען, און עס האט נישט געהאט א רפואה. און ער פלעגט זיך איינוויקלען אין איין טלית צוזאמען מיט זיי, כדי צו לערנען תורה. ער האט נישט געקוקט אויף גארנישט, ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר תורה, און ער האט זיך מדבק געווען אפילו מיט אזעלכע וואס האבן אים געקענט שאדן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז דאס ליגט אין די הבטחה פונעם פסוק. אם שמוע תשמע לקול ה' אלקיך. אם שמוע, אויב דו וועסט אליין הערן, תשמע , און דו וועסט אויך לערנען מיט אנדערע, דו וועסט לערנען מיט אזעלכע וואס עס איז דא א חשש, אז ווען דו וועסט זיצען און לערנען מיט זיי, קען זיך מדבק זיין אין דיר זייער מחלה, זאלסטו נישט מורא האבן. 'כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך', עס וועט נישט אריבערקומען די מחלה אויף דיר. איי עס איז דאך א נאטורליכע מחלה וואס קומט אריבער פון זיך אליין, 'כי אני ה' רופאיך', אפילו עס וועט יא אריבערקומען, וועט עס דיר נישט שאדן, כי אני ה' רופאיך, דער אייבערשטער וועט אוועקנעמען אלע ענינים וואס שטערן דעם מענטש פון עבודת ה'.

**מען** זעהט אז דוד המלך בשעת ער האט געלאזט צוואה פאר זיין זון שלמה המלך, האט ער אים געזאגט, הנה אנכי הולך בדרך כל הארץ, וחזקת והיית לאיש (מלכים א ב-ב). ער האט אנגערופן זיין יום המיתה, דרך כל הארץ. זאגט דער משנה, כל המקבל עליו עול תורה, ווען א מענטש נעמט אויף זיך עול תורה, זאל ער וויסן אז ער דארף פון גארנישט מורא האבן, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, אפילו עס קומט אמאל אויס, אז מען דארף אוועקגעבן דאס געזונט פאר תורה, דארף מען נישט מורא האבן. אפילו עס וועט זיין א מצב פון אנכי הולך בדרך כל הארץ, וועט זיין מעבירין ממנו עול מלכות ועול 'דרך ארץ'. אין די תורה הק' ליגט אלע ברכות, און אז מען איז זיך מדבק אין די תורה, טוט דער אייבערשטער ארויסנעמען דעם מענטש פון אלע זיינע פראבלעמען ארום און ארום.

*

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **אברהם יהודה האפפמאנן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת קודש פרשת בשלח***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל האבערפעלד** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת בשלח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **חיים מאיר כ"ץ** ני"ו.

לפני תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל אמירת תהלים של ילדי בית מדרשנו, אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לילדי התשב"ר,

בגודל ענין אמירת פסוקי תהלים, ליטהר ולהתקדש באמירתם לפני התפלה להודות בשיר ושבח לא-ל עליון. וחזר לפניהם על דברי **האור החיים הק'** (בפרשתינו), על הפסוק (טו-א) ויאמרו לאמר, שמי שאומר שירה בעולם הזה, יזכה לומר שירה לעתיד.

והזכיר מאמרם ז"ל (חולין צא:) חביבין ישראל לפני הקב"ה יותר ממלאכי השרת, שישראל אומרים שירה בכל שעה, ומלאכי השרת אין אומרים שירה אלא פעם אחת ביום, ואמרי לה פעם אחת בשבת, ואמרי לה פעם אחת בחודש, ואמרי לה פעם אחת בשנה, ואמרי לה פעם אחת בשבוע, ואמרי לה פעם אחת ביובל, ואמרי לה פעם אחת בעולם ע"ש. הרי לנו גודל מעלת עם ישראל שזוכין לומר שירה לפני ה' תמיד. וזהו כוונת הדברים שאנו מבקשים (ביהי רצון לפני אמירת תהלים), וכשם שאנו אומרים שירה לפניך בעולם הזה, כך נזכה לומר לפניך שיר ושבחה לעולם הבא, היינו שכשם שבעולם הזה אנו זוכים לומר שירה לפניו בכל יום, כך נזכה לומר לפניו שירה ושבחה בעולם הבא בכל יום תמיד.

אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **יחיאל זיגעלמאן** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל הבאווארפן של ש"ב בן הרה"ג רבי **חיים יהודא כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק **הגה"צ מתולדות אהרן וומסב"ג שליט"א**), שהתקיים בבית המדרש תולדות אהרן.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **הערש אלימלך שפארן** הי"ו, שהתקיים באולם בית אסתר.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג וביקר אצל **הגה"צ אב"ד דושינסקיא שליט"א** (וומסב"ג).

* * *

***יום ראשון פרשת יתרו***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **הערש אלימלך שפארן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

## שיחות ודברות קודש לפרשת משפטים משנת תשע"ג לפ"ק

### דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת משפטים (שבת שקלים) תשע"ג לפ"ק ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת תרומה תשע"ג לפ"ק

**די** פאריגע וואך שבת איז געווען פרשת שקלים. בזמן הבית איז געווען די מצוה, אז מען זאל געבן א מחצית השקל. און די מפרשים זאגן שוין, יעדער לפי דרכו, וואס איז דער ענין פון א האלבע שקל, און נישט א גאנצע שקל. יעדע מצוה האט דאך א חשיבות, ווען עס איז א דבר השלם, און דא איז געווען די מצוה, אז מען זאל געבן א מחצית השקל. דער **ש"ך על התורה** (פ' כי תשא) ברענגט צו פון די תלמידים פונעם **אר"י הק'**, אז דער טעם פארוואס מען האט געגעבן א מחצית השקל איז, ווייל די גמרא (עירובין יח:) זאגט, אז דער אייבערשטער'ס נאמען איז יהו"ה, און זייט דער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז דיו לעולם שישתמש בשתי אותיות, עס איז גענוג פאר די וועלט, אז עס זאל זיך באדינען מיט צוויי אותיות, עס איז אין שמו שלם ואין כסאו שלם (תנחומא פ' כי תצא), עס איז נאר דא דער שם י"ה, שנאמר (תהלים קנ-ו) כל הנשמה תהלל י-ה, מיר טוען נאר לויבן דעם שם י-ה, דער ו"ה פעלט היינט. און מיר זענען מתפלל אויף לעתיד, אז ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, אז עס זאל נתמלא ווערן דער גאנצער שם, און עס זאל זיין יהו"ה. ברענגט מען א מחצית השקל, צו ווייזן אז עס פעלט אונז א האלב פונעם ה', און מען דארף מתפלל זיין אז דער שם זאל נשלם ווערן.

**די** גמרא זאגט, אז דאס איז נאר פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, משחרב בית המקדש דיו לעולם שישתמש בשתי אותיות. וואס איז דער ענין דערפון אין עבודה. וואס מיינט אז עס איז אין שמו שלם, דעם אייבערשטענס נאמען איז נישט גאנץ. אוודאי ליגט דערין העכערע ענינים וואס דאס מיינט, אבער מען רעדט דאך וואס עס איז נוגע פאר אונז פשוטע מענטשען, וואס דארף מען וויסן, וואס ליגט אין דעם, אז דעם אייבערשטענס נאמען איז נישט גאנץ. דער אייבערשטער האט מחסר געווען זיין נאמען, די אותיות י"ה איז געבליבן, און די אותיות ו"ה איז צוגענומען, און דאס וועט נשלם ווערן שפעטער.

**איך** וועל מקדים זיין א ווארט, וואס איך האב אמאל געזאגט (עיין **בשמן ראש** פסח ח"א רצז.). פסח ביינאכט נעמט מען דריי מצות צום סדר, און די מיטל'דיגסטע מצה צוברעכט מען, און א חלק פון די מצה לאזט מען אויפן טיש, און די גרעסערע העלפט לייגט מען אוועק פאר אפיקומן. שפעטער, ווען מען ענדיגט סיפור יציאת מצרים, נעמט מען אפיר דעם אפיקומן, און מען עסט אויך אויף די חלק המצה וואס מען האט אוועקגעלייגט. אין יעדע זאך ליגט דאך עפעס א רמז דערין.

**די** אמונה וואס א יוד גלייבט אינעם אייבערשטען, איז אויפן עבר, מיטן הוה, מיטן עתיד. ה' מלך, ה' מלך, ה' ימלוך לעולם ועד. א מענטש גלייבט אינעם עבר, אז דער אייבערשטער איז געווען דער מלך אויף דער וועלט, ער האט באשאפן די וועלט. און דער אייבערשטער וועט זיין דער מלך אויף די וועלט. און ה' מלך, אפילו היינט, ווען עס איז דא א הסתר פנים, מען זעהט נישט דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען, פון דעסטוועגן דאך, פירט דער אייבערשטער די וועלט, און ער איז משגיח אויף די וועלט. דער שווערסטער חלק פון אמונה ביי א מענטש איז, אינעם הוה. ווען עס קומט א שווערער זמן, וואס א מענטש האט אסאך מאל, בכלליות ווי אזוי די וועלט קוקט אויס, מען זעהט דאך נישט אז עס איז דא כבוד ה', אז יודען זאלן זיין מער פון אלע אנדערע אומות העולם. אדרבה יודען זענען בזוי ומבוזה, שה אחד בין שבעים זאבים, אלע פעלקער זענען נאר פארנומען מיטן כלל ישראל. מען זעהט נישט דאס גרויסקייט פון יודישע קינדער, אז

דער אייבערשטער טוט משגיח זיין אויף אונז. נחשבנו כצאן לטבח יובל, להרוג ולאבד ולמכה ולחרפה. דאס איז אין כלליות. און אין פרטיות ביי יעדן יוד אליין, ווען עס מאכט זיך אים א שווערע זמן, קוקט אזוי אויס, אז עס איז דא א הסתר פנים, ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא (דברים לא-יח), דער אייבערשטער געפונט זיך נישט מיט אים. מען קען גלייבן אינעם עבר, יא, עס איז געווען צייטן וואס ער האט געזען א גילוי פונעם אייבערשטען, אין פריערדיגע דורות איז אוודאי געווען גילוי שכינה. מען גלייבט אינעם עתיד, אז דער אייבערשטער וועט אוודאי אויסלייזן יודען, דער באשעפער וועט זיין צוזאמען מיט אונז. אבער אין טאג טעגליכן לעבן, יעדע רגע וואס עס גייט אדורך אויף אים, אז עס זאל זיין מיט א אמונה פשוטה, אז דער באשעפער איז צוזאמען מיט דיר, דער אייבערשטער האט דיר נישט איבערגעלאזט, און אלע פראבלעמען וואס דו האסט, איז דער אייבערשטער דארט, און ער וועט דיר העלפן, עס איז נאר דא א סיבה פארוואס דו דארפסט עס אדורכגיין. דאס איז די עבודה וואס א יוד דארף קענען מברך זיין על הרעה כשם שמברך על הטובה, ער זאל עס קענען מקבל זיין בשמחה, דאס איז די עבודה וואס עס קומט נישט אן אזוי גרינג פאר א יוד.

**די** מצה ווערט אנגערפן מיכלא דמהימנותא (זוה"ק ח"ב קפג.), א מאכל פון אמונה. פארוואס ווערט מצה אנגערופן אז עס איז א מאכל פון אמונה. ווייל מען פארציילט סיפור יציאת מצרים, וואס דאס איז די מקור פון אונזער אמונה, אז יודען האבן געגלייבט אינעם אייבערשטען, און זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, נאר מיט א קליין שטיקעלע מצה. - נעמט מען דריי מצות, ווייל אמונה דאס באשטייט פון דריי חלקים, היה הוה ויהיה. די ערשטע מצה איז היה, די צווייטע מצה איז הוה, און די דריטע מצה איז יהיה. דער 'היה', דער עבר, מיט די 'יהיה', זענען בשלימות ביי יעדן יוד. עס איז גאנץ, עס איז נישט צובראכן, עס איז נישט דא דערין א פגם, עס איז בשלימות. די מיטלדיגסטע מצה, אז א יוד זאל האבן די ריכטיגע אמונה אינעם 'הוה', אינעם טאג טעגליכן לעבן. די מצה צוברעכט ער, פון די מצה לאזט ער איבער נאר א קליין שטיקעלע פאר זיך. א גרויס חלק דערפון לייגט ער אוועק אין דער זייט, צו ווייזען אז עס איז נישט ביי אים בשלימות, ער האט נאר א חלק. יעדער יוד איז דאך א מאמין, אפילו אין זיינע גרעסטע פראבלעמען, איז ער אויך א מאמין, אבער עס איז נישט מיט אזא אמונה ווי עס וואלט געדארפט צו זיין. לייגט ער עס אוועק אין די זייט, און ער בלייבט נאר מיט א קליין שטיקל. און ער עסט נאר די אויבריגע מצה, און די אונטערשטע מצה, דער 'היה' מיטן 'יהיה', דאס ווערט א חלק פון זיין גוף, די מצה וואס ער עסט ווערט נאכדעם דמו ובשרו פונעם מענטש. אבער די מיטלדיגסטע מצה איז נישט בשלימות. אבער ווען ער ענדיגט צו פארציילען סיפור יציאת מצרים, ער איז זיך מתעצם, און ער טראכט אזויפיל פונעם גרויסקייט פונעם אייבערשטען, ביז ער קומט צו צו א מצב וואס ער איז שוין דערביי אפילו אינעם 'הוה' אויך, און דעמאלטס נעמט ער אפיר די מצה וואס ער האט אוועקגעלייגט, יעצט נאכן סיפור יציאת מצרים, קען ער שוין משלים זיין די מצה אויך.

**דער** נאמען פונעם אייבערשטען איז יהו"ה, און עס ליגט אין דעם 'היה' 'הוה' ו'יהיה'. דער יו"ד מיט די ה"א, קען מען אויסלייגן אויף די אותיות הי"ה. יהי"ה איז צוויי מאל י"ה. הו"ה קען מען נישט אויסלייגן פון די ערשטע אותיות פונעם שם, נאר מען מוז האבן די ו"ה דערצו, אז עס זאל קענען זיין הו"ה. אזוי ווי דער 'הוה' איז דאך היינט נישט בשלימות, די עיקר אמונה וואס א יוד האט, איז אין דעם עבר און אין דעם עתיד, אינעם 'היה' און אינעם 'יהיה', וועגן דעם זאגט די גמרא, אז פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, דיו לעולם שישתמש בשתי אותיות, מיר האבן נישט היינט דעם גאנצן שם, מיר האבן נאר היינט דעם שם י"ה, וואס דאס ווייזט אויפן 'היה' מיטן 'יהיה', אבער דער ו"ה, וואס דאס ווייזט אויפן 'הוה', דאס איז ביי אונז באהאלטן, מען האט עס נישט. און דאס מיינט אויך דער 'אין שמו שלם', ווייל ווען דער בית המקדש איז

געשטאנען, איז אלעס געווען. מען האט געזען דעמאלטס אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אבער זייט דער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז געקומען דער הסתר פנים.

**די** גמרא (יומא כא.) זאגט, אז אינעם בית המקדש איז געווען צען נסים. און די גמרא פרעגט, אז עס איז געווען מער פון צען נסים, עס איז געווען נאך א נס, אז אין קדשי קדשים האבן די ארון מיט די כרובים נישט תופס געווען קיין מקום. מען האט געקענט ארײנלייגען די ארון מיט די כרובים, און עס האט נישט פארנומען קיין פלאץ. פארוואס רעכנט ער אויס, אז עס איז נאר געווען צען נסים. זאגט די גמרא, ווייל ער רעכנט נאר אויס די נסים וואס האבן פאסירט אינדרויסן אינעם עזרה, אבער ער רעכנט נישט אויס די נסים וואס איז געווען אין קדשי קדשים. קומט אויס, אז לויטן חשבון פון די גמרא איז שטענדיג געווען עלף נסים אינעם בית המקדש. וואס איז דער מספר פון עלף נסים, וואס דער אייבערשטער האט געמאכט אין בית המקדש. ווייל מען האט פריער געזאגט, אז דער שם ו"ה, איז רומז אויפן הוה. ו"ה איז עלף. ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט מען דאך געזען די השראת השכינה אינעם הוה, אזוי ווי די גמרא (שבת כב:) זאגט, משכן העדות, עדות היא שהשכינה שורה בישראל, די נסים האבן געוויזען אז עס איז דא השראת השכינה. איז געווען עלף נסים אין בית המקדש, אקעגן דעם שם ו"ה.

**דאס** זאגט די גמרא (מגילה יג:), גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, עס איז געווען גלוי פארן אייבערשטען, שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהם לשקליו. דער אייבערשטער האט געוואוסט אז עס וועט קומען א צייט פון א הסתר פנים, אז מען וועט וועלן מכלה זיין דעם גאנצן כלל ישראל, להשמיד להרוג ולאבד, וואס אסתר ווערט אנגערופן אויף דעם, אסתר מן התורה מנין, שנאמר (דברים לא-יח) ואנכי הסתיר אסתיר (חולין קלט.), דאס איז טייטש, אז די גרעסטע הסתרת פנים איז געווען דעמאלטס ביי די צייטן פון המן. און אז עס וועט זיין א הסתר פנים, וועלן דאך יודען נישט האבן דעם כח מיט וואס מען זאל זיך קענען מחזק זיין, איז גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, דער אייבערשטער האט געוואוסט שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, יודען וועלן זיין אין אזא הסתר פנים, וואס המן וועט שוקל זיין שקלים על ישראל, הקדים שקליהם לשקליו, האט דער אייבערשטער מקדים געווען אז מען זאל געבן א מחצית השקל, וואס דער מחצית השקל ווייזט, אז מען זאל זיך מחזק זיין אין די צווייטע העלפט פונעם שם וואס מיר האבן נישט, דער ו"ה. און דאס וועט זיין די תרופה דערצו, אז אין א זמן פון א הסתר פנים, זאל מען זיך קענען מחזק זיין, אז דער אייבערששטער איז א 'הוה' אויך, און נישט נאר א 'היה' מיט א 'יהיה', נאר אין א יעדע זמן איז דער אייבערשטער צוזאמען מיט אונז.

## בסעודת מלוה מלכה לטובת החזקת המתיבתא דקהלתנו הק'

מוצאי שבת קודש פרשת משפטים תשע"ג לפ"ק

**איך** האב דעם כבוד צו באגריסען די אלע חשוב'ע משתתפים און מחזיקי תורה, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט נאכט, מחזק צו זיין די מתיבתא. עס קומט א ספעציעלן יישר כח אז אפילו ווען עס איז אזא צייט אינדרויסן, ווען עס איז שווער צו גיין, פון דעסטוועגן דאך, טוען יודען גמילות חסדים בגופם ובממונם, איז אוודאי לפום צער אגרא (אבות ה-כב), די וואס טוען מחזק זיין תורה בשעת עס קומט אן שווער, מען קוקט נישט אויף קיין שום מניעות, און מען טוט וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון א מענטש צו טון, איז דער שכר וואס דער אייבערשטער באצאלט זיי דאפעלט.

**עס** איז מוצאי שבת, עס איז איינגעפירט בדרך כלל, אז די מסיבות פון החזקת התורה ווערן אויסגעשטעלט אויף מוצאי שבת ביי די סעודת מלוה מלכה. וואס איז דער שייכות און דער

קשר וואס מען האט עס אזוי אויסגעשטעלט, אז מוצאי שבת איז א צייט וואס מען קומט זיך דעמאלטס צוזאם, מחזק צו זיין תורה. אין יעדע זאך ליגט עפעס א רמז, וואס מען קען זיך אראפלערנען דערפון.

**מען** געפונט די קומענדיגע וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט מצווה געווען אויפצושטעלן א משכן פארן אייבערשטען. דער באשעפער האט געגעבן די כלים וואס דארפן זיין אינעם משכן, וואס יעדע כלי טוט סימבאלאזירן א צווייטען חלק פונעם כלל ישראל. און עס איז אויסגערעכנט אין די תורה, אז קודם זאל מען מאכן דעם שלחן, און נאכדעם זאל מען מאכן די מנורה (שמות כה-כג). שפעטער אין די קומענדיגע פרשיות, בשעת מען האט געמאכט די כלים, האט מען עס אויך געמאכט אויף דעם וועג (שם לז-י). און בשעת מען האט עס אריינגעשטעלט אינעם משכן, האט מען אויך קודם געשטעלט דעם שלחן, און נאכדעם האט מען געשטעלט די מנורה אקעגן איבער דעם שלחן (שם מ-כב). אלץ איז געווען דער שלחן פאר די מנורה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** פ' פקודי רכה) זאגט, אז דער שלחן דאס ווייזט אויף די מחזיקי תורה. דער אייבערשטער גיט זיי א שלחן מלכים, א שלחן פון עשירות, וואס אויף דעם איז געווען דער לחם הפנים, וואס האט משפיע געווען שפע פון עולם הזה אויף די וועלט. דאס טוט סימבאלאזירן דער שלחן. די מנורה, דאס איז די לומדי תורה, וואס זיי טוען לערנען תורה, זיי טוען מדליק זיין די תורה, כי נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). און דער אייבערשטער האט געהייסען אז דער שלחן דארף מען שטעלן אקעגן די מנורה, צו ווייזן אז דאס איז דער פליכט פונעם שלחן, פון די וואס זענען מחזיק תורה, אז זיי זאלן שטענדיג זיין אקעגן די מנורה, און זעהן ארויסצוהעלפן פאר די מנורה, אז עס זאל קענען לייכטן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, צווישן די שבטי י-ה איז דא דער יששכר און דער זבולון. וואס יששכר איז דער לומד תורה, און זבולון איז דער וואס טוט צוהעלפן צו תורה. בשעת משה רבינו האט געבענטשט דעם כלל ישראל, האט ער מקדים געווען דעם זבולון פאר דעם יששכר, שמח זבולון בצאתך ויששכר באהלך (דברים לג-יח). קודם האט ער געבענטשט דעם זבולון, און נאכדעם האט ער געבענטשט דעם יששכר. ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט מיט דעם ווייזען די חשיבות פון די מחזיקי תורה, אז דער זבולון שטייט פריער פון דעם יששכר.

**אמת** אז דער אייבערשטער טוט באצאלן פאר די מחזיקי תורה, אזוי ווי די וואס לערנען תורה. כאטש ער לערנט נישט אליין, אבער אן אים וואלט דער תלמיד חכם נישט געקענט לערנען, גיט אים דער אייבערשטער א חלק אין די תורה וואס דער תלמיד חכם לערנט. אבער וואס איז דער ענין, אז דער זבולון קומט פריער פון דעם יששכר. ווי אזוי קען זיין, אז דער זבולון וואס איז נאר דער גורם אז דער יששכר זאל קענען לערנען, האט א חשיבות אז ער זאל זיין מער פון דעם יששכר אליין. בפשטות וואלט דער יששכר געדארפט זיין דער חשוב'סטער, און דער זבולון האט א חלק דערין. פארוואס האט די תורה מקדים געווען דעם זבולון פאר יששכר, ער שטייט העכער פון דעם יששכר.

*

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. די סעודה פון מוצאי שבת, רופט מען אן, אז דאס איז די סעודה פון דוד מלכא משיחא. די דריי סעודות פון שבת זענען אקעגן אברהם יצחק און יעקב, און ביי די סעודה פון מוצאי שבת האט מען אויסגעלאזט משה מיט אהרן און יוסף, און די סעודה ווערט אנגערופן די סעודה פון דוד המלך. פארוואס ווערט די סעודה פון מוצאי שבת אנגערופן, אז דאס איז די סעודה פון דוד המלך.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז דער טעם דערפון איז, ווייל די גמרא (שבת ל.) פארציילט, אז דוד המלך האט געבעטן פונעם אייבערשטען, הודיעני ה' קצי, ומדת ימי מה היא, אדעה מה חדל אני (תהלים לט-ה), רבונו של

עולם, זאג מיר ווילאנג איך גיי לעבן אויף די וועלט, ווען וועט קומען די צייט וואס איך וועל אוועקגיין פון די וועלט. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אין מודיעין קצו של אדם, דער אייבערשטער האט אזוי אראפגעשטעלט די וועלט, אז א מענטש זאל נישט וויסען וויפיל צייט ער האט נאך צו זיין אויף דעם עולם. מען טוט נישט מודיע זיין פאר א מענטש ווען עס קומט זיין צייט. האט ער געבעטן, אדעה מה חדל אני, זאג מיר, אין וועלכע טאג פון די וואך איך וועל אוועקגיין. דו מוזט מיר נישט זאגן וועלכע וואך עס וועט זיין, און אין וועלכע יאר, אבער זאג מיר אין וועלכע טאג. האט אים דער אייבערשטער צוליב געטון, און ער האט אים געזאגט, בשבת תמות, דו וועסט שטארבן אין שבת.

**און** דוד המלך האט זיך אנגעהויבן צו דינגען, ער וויל נישט שטארבען שבת, ער וויל ענדערש שטארבן זונטאג, כדי מען זאל זיך קענען מתעסק זיין אין זיין הספד און אין זיין קבורה. ער וויל נישט אוועקגיין שבת, ווען מען קען גארנישט טון. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך קען נישט ווארטען ביז זונטאג, ווייל זונטאג איז שוין צוגעגרייט פאר דיין זון שלמה, אז ער דארף זיין דער מלך, און אין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא. א מלכות קען נישט אריינגיין אין יענעמ'ס גבול, און פון מוצאי שבת איז שוין דער גבול פון שלמה המלך, קען איך עס נישט אפשטופען אויף מוצאי שבת. האט אים דוד המלך געזאגט, איך בין מסכים אוועקצוגיין מיט א טאג פריער, איך וויל שטארבן ערב שבת. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, ניין, ערב שבת איז פאר דיין צייט, און איך וויל דיך נישט אוועקנעמען פאר דיין צייט, ווייל טוב יום בחצריך מאלף (תהלים פד-יא), עס איז מיר חשוב'ער איין טאג וואס דו לעבסט אויף די וועלט, און דו זיצט און דו לערנסט תורה, מער פון טויזנט קרבנות וואס דיין זון שלמה המלך וועט מקריב זיין. איך קען נישט מוותר זיין אויף איין טאג פון דיין לעבן, אז איך זאל דיר אוועקנעמען פריער פון די וועלט, נאר דו וועסט שטארבן אין שבת.

**און** די גמרא זאגט, אז יעדן שבת איז דוד המלך געזעסן און געלערנט גאנץ שבת, ווייל בשעת מען זיצט און מען לערנט תורה, קען דער מלאך המות נישט צוקומען צום מענטש, און אזוי האט ער זיך געוואלט מציל זיין, אז דער שבת זאל אדורכגיין אויף אים, און ער זאל נישט שטארבן. ביז עס איז געקומען די צייט וואס דער אייבערשטער האט אים געוואלט אוועקנעמען פון די וועלט, זאגט די גמרא, אז עס האט זיך געמאכט א גערודער אינדרויסן, און ער האט מפסיק געווען פונעם לערנען פאר א מינוט, און דעמאלטס האט אים דער מלאך המות צוגענומען.

**קומט** אויס, אז יעדן שבת איז דוד המלך געווען אין א ספק אפשר איז עס דער לעצטער שבת וואס ער איז דא אויף די וועלט. ווען עס איז געקומען מוצאי שבת, און ער איז נישט געשטארבען, האט ער געוואוסט אז ער האט נאך א גאנצע וואך צו לעבן, ווייל ביז דעם אנדערן שבת וועט מען אים נישט צונעמען פון די וועלט. האט ער יעדן מוצאי שבת געמאכט א סעודה, ער האט געדאנקט דעם אייבערשטען, אז דער שבת איז אדורכגעגאנגען און איך בין דא. וועגן דעם ווערט די סעודה פון מוצאי שבת אנגערופן די סעודה פון דוד מלכא משיחא, ווייל דוד המלך פלעגט צו מאכן א סעודה יעדן מוצאי שבת, אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט אים געשענקט דעם שבת, און ער האט נאך צו לעבן א גאנצע וואך, וואס ער קען דינען דעם אייבערשטען (סידור רבי שבתי הובא בליקוטי מהרי"ח).

*

**עס** איז מיר אייביג שווער געווען די גמרא, ער איז געזעסן און געלערנט גאנץ שבת, ווייל ער האט געוואלט אז דער מלאך המות זאל נישט קענען אויף אים שולט זיין. ער האט געמיינט אז ער וועט זיין קלוגער פונעם אייבערשטען? ער וועט אויסשפילן דעם רבונו של עולם? דער באשעפער וויל אים אוועקנעמען שבת, און ער וועט זיצען און לערנען יעדן שבת?! וואס האט ער געמיינט, אז ווען עס קומט די צייט, וועט זיך דער אייבערשטער נישט קענען א עצה געבן מיט אים, אז ער זאל מבטל זיין איין מינוט פון

לערנען, און דער באשעפער זאל אים קענען צונעמען, ווי עס איז טאקע אזוי געווען, אז מען האט געמאכט א שטיקל גערודער, און ער איז ארויסגעגאנגען, און דער באשעפער האט אים דעמאלטס צוגענומען.

**דער** ענין דערפון איז, ווען דוד המלך האט געהערט פונעם אייבערשטען, אז ער קען אים נישט אוועקנעמען פרייטאג, ווייל טוב יום בחצריך מאלף, עס איז ביי מיר חשוב דיין תורה וואס דו לערנסט, מער פון טויזנט קרבנות. מיר ווייסען דען צו פארשטיין וואס דאס מיינט צו הערן פונעם אייבערשטען אז מקריב צו זיין טויזנט קרבנות, וואס יעדער קרבן איז א ריח ניחוח פארן אייבערשטען, עס איז נישט דא קיין העכער׳ס ווי צו ברענגען א קרבן פארן רבונו של עולם, און דער אייבערשטער זאגט פאר דוד המלך, אז איין טאג וואס דו זיצט אין בית המדרש און דו לערנסט, איז ביי מיר חשוב׳ער פון טויזנט קרבנות. דער אייבערשטער האט אויפגעהויבן דוד המלך׳ס תורה, וואס דוד המלך טוט אויף אין איין טאג פון זיין לעבן, איז מער פון טויזנט קרבנות וואס מען איז מקריב אין בית המקדש. האט דאך דוד המלך געוואוסט אז מיט זיין תורה גיט ער א געוואלדיגען נחת רוח פארן אייבערשטען, א העכערן נחת רוח פון טויזנט קרבנות וואס מען איז מקריב. ער האט נישט געוואלט זיין דער גורם, עפעס צוצוהעלפן, אז עס זאל אוועקגענומען ווערן פונעם באשעפער דער נחת רוח. אויב ער וואלט אדורכגעגאנגען דעם שבת בטל, גיט ער א געלעגענהייט פאר דעם מלאך המות, אז דער מלאך המות זאל צוקומען צו אים, און צונעמען דעם נחת רוח וואס דער רבונו של עולם האט פון זיין תורה. ער האט נישט געוואלט זיין א מסייע, צוצוהעלפן פאר דעם אז עס זאל אוועקגענומען ווערן דער נחת רוח פונעם רבונו של עולם. האט דוד מלך יעדן שבת נישט אנגעברענגט קיין רגע. ווען עס וועט קומען די צייט וואס ער דארף אוועקגיין פון די וועלט, וועט זיך שוין דער אייבערשטער א עצה געבן, דער אייבערשטער וועט אים מבטל זיין פון לערנען, אבער ער פון זיין זייט וועט נישט אוועקנעמען דעם נחת רוח פונעם אייבערשטען, פון דעם טוב יום בחצריך, אז עס זאל פארמינערט ווערן איין טאג וואס ער קען דינען דעם אייבערשטען.

*

**אבער** הא גופא קשיא, מען דארף דאך דאס אליין פארשטיין. פארוואס איז טאקע טוב יום בחצריך, איז דען תורה גרעסער פון עבודה. די גמרא (מגילה ג.) דינגט זיך דאך, וואס עס איז חשוב׳ער, תורה צו עבודה. די גמרא זאגט, אז מען איז מבטל תלמוד תורה פאר מקרא מגילה, מען דארף מבטל זיין לערנען צו הערן די מגילה. און מען לערנט עס אראפ פון די עבודה אינעם בית המקדש, אז די כהנים האבן איבערגעלאזט די עבודה, כדי צו הערן מקרא מגילה. און אויב מען איז מבטל עבודה פאר מקרא מגילה, איז א כל שכן אז מען דארף מבטל זיין תורה פאר מקרא מגילה. פרעגט די גמרא, דו מאכסט א קל וחומר, מה דאך עבודה איז מען מבטל, כל שכן תורה, איז דען עבודה חשוב׳ער פון תורה? תורה איז דאך חשוב׳ער פון עבודה. מען געפונט ווען דער מלאך איז געקומען צו יהושע, ווען ער איז געווען ביי די מלחמה, און מען האט נישט מקריב געווען קיין קרבנות, און מען האט נישט געלערנט, איז געקומען דער מלאך, און עס איז געווען חרבו שלופה בידו, און ער האט געוואלט פוגע זיין אין יהושע, און ער האט אים געפרעגט, אויף וועלכע זאך ביזטו געקומען, דו ביסט געקומען אויף לימוד התורה, צו דו ביסט געקומען ווייל מען האט מבטל געווען די קרבנות. האט ער געזאגט, עתה באתי, איך בין געקומען פאר לימוד התורה, לימוד התורה איז חשוב׳ער פון קרבנות. זעהט מען דאך אז לימוד התורה קומט פריער.

**ענטפערט** די גמרא, אז עס איז א חילוק צווישן לימוד התורה דיחיד און לימוד תורה דרבים. דארט איז געווען לימוד התורה פון גאנץ כלל ישראל, און לימוד התורה דרבים קומט פריער פון עבודה. אבער א יחיד, ווען עס קומט פורים, און ער דארף הערן די מגילה, איז עבודה חשוב׳ער פון לימוד תורה דיחיד. און אז מען איז מבטל עבודה פאר מקרא מגילה, איז א כל שכן

אז מען איז מבטל תורה. זעהט מען דאך פון די גמרא, אז עבודה איז חשוב'ער פון תורה דיחיד. ווי אזוי האט דער אייבערשטער געזאגט פאר דוד המלך, כי טוב יום בחצריך, אז איין טאג תורה איז מער חשוב'ער ביי מיר פון טויזנט קרבנות וואס מען איז מקריב, עבודה איז דאך חשוב'ער פון תורה.

**נאר** וואס דען, דוד המלך'ס תורה, איז אנדערש פון יעדע תורה של יחיד. די גמרא (מועד קטן כא.) זאגט, אז יעדער וואס איז רבים צריכין לו, איז דינו כרבים. דוד המלך וואס איז געווען דער מלך ישראל, וואס ווען דוד המלך שטייגט אין תורה, ווערט דער גאנצער כלל ישראל אויפגעהויבן מיט זיין תורה, זיין לימוד התורה איז נישט קיין לימוד התורה פון א יחיד, נאר זיין לימוד התורה איז א לימוד תורה פון א רבים. און לימוד התורה פון רבים איז טוב יום בחצריך מאלף, דאס איז חשוב'ער פון טויזנט קרבנות וואס מען איז שפעטער מקריב. ווייל דורך דעם וואס דוד המלך וועט זיצען און לערנען נאך א טאג, און שטייגען אין תורה, דורך דעם וועט ער אויפהייבן כלל ישראל אין א העכערע מדריגה. ווייל דוד המלך איז געווען דער מלך פון יודען, און ווי דער **רמב"ם** (הל' מלכים ג-ו) זאגט, אז דער מלך דאס איז דער הארץ פונעם כלל ישראל. איז זיין תורה אזוי ווי תלמוד תורה דרבים, און אויף זיין תורה האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי טוב יום בחצריך מאלף, דיין תורה איז חשוב'ער מאלף.

*

**מוצאי** שבת ווען מען זיצט ביי א סעודת מלוה מלכה, און מען דערמאנט זיך, פארוואס מאכט מען א סעודה מוצאי שבת, ווייל עס איז די סעודה פון דוד המלך. וואס איז די סעודה פון דוד המלך, אז דוד המלך האט געדארפט אוועקגיין פון די וועלט שבת, און מוצאי שבת האט ער געמאכט א סעודה אז דער אייבערשטער האט אים איבערגעלאזט אויף נאך א וואך, וואס ער קען לעבן. און דוד המלך האט זיך געבעטן, אז ער וויל נישט אוועקגיין שבת, ער וויל אוועקגיין ערב שבת, און דער אייבערשטער זאגט אים, טוב יום בחצריך מאלף, עס איז חשוב'ער תורה פון איין טאג פון דוד המלך, וואס איז תלמוד תורה דרבים, מער פון טויזנט קרבנות וואס מען איז מקריב. האט מען קובע געווען די נאכט זיך צוזאמצוקומען פאר החזקת התורה, זיך אראפצולערנען דערפון, ווען מען זיצט ביי א סעודה פון דוד המלך, וואס מען דערמאנט זיך אז טוב יום בחצריך מאלף, אז עס איז נישט דא קיין גרעסערער תענוג און נחת רוח ביים אייבערשטען, פון דעם וואס מען זיצט און מען לערנט תורה, און פון דעם וואס מען איז מחזיק, און מען האט א חלק אין די תורה וואס מען לערנט. דאס איז דער צייט וואס מען האט קובע געווען אויף החזקת תלמוד תורה דרבים, ארויסצוהעלפן ישיבות וואו בחורים זיצן און לערנען, האט מען דאס קובע געווען אויף מוצאי שבת.

**וועגן** דעם האט די תורה מקדים געווען זבולון פאר דעם יששכר. יששכר איז זייער חשוב, ער זיצט און לערנט תורה. אבער ער האט נישט מער פון פיר און צוואנציג שעה אין טאג וואס ער קען לערנען תורה, מער קען ער נישט. אבער זבולון האט פאר זיך תורה דרבים. זבולון וואס ער האט א חלק, נישט נאר אין תורה פון א יחיד, נאר ער קען מחזיק זיין צענדליגער תלמידי חכמים, ער קען מחזיק זיין ישיבות און מוסדות התורה וואס וועלן אויסוואקסען תלמידי חכמים, און זיי וועלן שפעטער זיין מרביצי תורה, דער זבולון שטייט אסאך העכער פון דעם תלמיד חכם. ווייל דער תלמיד חכם האט נישט מער פון איין טאג לימוד התורה וואס ער האט אין יעדן טאג, אבר דער זבולון ער האט תלמוד תורה דרבים, ער האט אין זיך א כח און א זכות וואס ער קען מיט זיין געלט מחזיק זיין תורה, און זוכה זיין צו אסאך און אסאך מער תורה פון וויפיל דער תלמיד חכם קען אליין.

**די** גמרא (סוטה יב.) זאגט, אז צדיקים איז ממונם חביב עליהם יותר מגופם, זייער געלט איז ביי זיי חשוב'ער און באליבטער פון זייער גוף. שטייט אין די מפרשים, אז ח"ו צו טראכטען אזוי אויף א

תלמיד חכם, אז ממונו איז מער חביב עליו, פון א גוף פון א תלמיד חכם וואס קען דינען דעם אייבערשטען. נאר דער פשט דערפון איז, א צדיק, א תלמיד חכם, טוט שעצן יעדע זאך, לויט וויפיל כבוד שמים ער קען ארויסברענגען דערפון. פון זיין גוף קען ער ארויסברענגען פיר און צוואנציג שעה עבודת ה', ווייל דאס איז נאר איין גוף, אבער פון זיין געלט קען ער ארויסברענגען אסאך מער. מיט זיין געלט האט ער א כח מחזיק צו זיין תורה, און קונה צו זיין וועלטן פון תורה. איז צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם, זייער געלט איז ביי זיי באליבטער מער פון זייער גוף, ווייל זייער גוף איז מוגבל וויפיל ער קען טון, אבער מיט געלט קען ער אנקומען אסאך און אסאך ווייטער.

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען מחזיק צו זיין די מתיבתא, מען דארף נישט רעדן בשבחו פון די מתיבתא, וואס מען האט שוין פריער געהערט, אז ב"ה מען זיצט און מען לערנט תורה פלייסיג. איך וויל נאר באדאנקן פאר די מחזיקי תורה, און ארויסברענגען זייער זכות, און זייער חשיבות וואס זיי טוען אויפהאלטן תורה, אז זייער זכות איז אסאך העכער פון דעם יששכר. און אז מען האט שכל, און מען נוצט אויס די מעגליכקייט וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש, דער באשעפער איז מזכה א מענטש מיט פארמעגן, וואס ער האט די מעגליכקייט צו קענען קויפן דערמיט תורה, דארף ער וויסן, אז עס דארף צו זיין ביי אים די בחינה פון ממונם חביב עליהם יותר מגופם. וואס **דער פשט פון ממונם חביב עליהם, איז נישט, אז מען זאל עס אוועקלייגען אין די באנק אריין, אדער ער זאל עס האלטן ווייל ער האט עס זייער ליב, אז א אנדערער זאל נישט קענען נהנה זיין דערפון, נאר ממונם חביב עליהם יותר מגופם, צו טון דערמיט דעם רצון פונעם אייבערשטען, ארויסצוברענגען דערפון דעם כבוד שמים.** מוצאי שבת, ביי א סעודה פון דוד המלך, ווען א יוד דערמאנט זיך, אז א מענטש'ס לעבן איז, טוב יום בחצריך מאלף, וואס מען קען אלץ זוכה זיין אויסצונוצן איין טאג אין לעבן, דינען דעם אייבערשטען, זיצען אין די ד' אמות אזוי ווי דוד המלך האט געטון. ער איז נישט געגאנגען שבת אויפטון פאר יודישקייט, נאר ער איז געזעסן ביי זיך אין שטוב, און ער האט געלערנט, דאס איז געווען חביב ביים אייבערשטען מער פון טויזנט קרבנות. דאס לערנט אונז די חשיבות פון תורה, און די חשיבות פון די וואס זענען מחזיק תורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די אלע ברכות וואס איז געזאגט געווארן פאר דעם זבולון, וואס זענען די מחזיקי תורה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר (משלי ג-יח). עס האט נאך קיינער נישט דערלייגט אויפן רבונו של עולם, די אלע וואס טוען צוהעלפן אויף מחזיק צו זיין תורה, באצאלט זיי דער אייבערשטער ביי זיך אין שטוב, אז מען האט קינדער תלמידי חכמים. אזוי שטייט אין די גמרא (שבת כג:), ווען איינער איז מוקיר רבנן, ער טוט שעצן תלמידי חכמים, איז ער זוכה אז ער האט קינדער מיט איידעמער תלמידי חכמים. די אלע וואס האבן זיך אנגעשטרענגט און געקומען מחזיק צו זיין תורה, זאל זיי דער אייבערשטער באצאלן אויף דעם חסד וואס זיי טוען. און מיר זאלן אלע זוכה זיין, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.